# מגדים של זהב

**על דרך הפלפול והחידוד**

**שנת תשפ"ה - גליון קפה**

**ויקרא**

בענין

**קושית התוספות במסכת חולין למה לא ילפינן שהולכים אחר הרוב מזה שהקרבנות דוחים שבת - ולא חיישינן דילמא טריפה הוא**

**וְהִפְשִׁיט אֶת הָעֹלָה וְנִתַּח אֹתָהּ לִנְתָחֶיהָ:** (ויקרא א, ו)

### גמרא מסכת חולין

שטייט אין **מסכת חולין** (י, ב - יא, א): **מנא הא מילתא דאמור רבנן 'זיל בתר רובא'** - פירוש: בדברי חז"ל טרעפט מען אסאך מאל די כלל פון 'הלך אחר הרוב', דהיינו ווען מען האט א ספק, איז מען מכריע די ספק על פי הרוב, דהיינו מען זאגט אז מען גייט נאך רוב?

זאגט די גמרא: **אמר רבי אלעזר: אתיא מרישא של עולה** - די כלל אז מען גייט נאך רוב לערנט מען ארויס פון די קאפ פון א קרבן עולה, **דאמר קרא** - עס שטייט אין פסוק: **וְנִתַּח אֹתָהּ לִנְתָחֶיהָ** - מען זאל צושניידן די קרבן עולה לויט די סדר ווי אזוי מען צושנייט עס, און איינער פון די שניידינגען איז געווען אז מען האט אפגעשניטן די קאפ פון די עולה. דרשנ'ט מען פון די פסוק: **אותה לנתחיה - ולא נתחיה לנתחים** - דהיינו מען מעג נאר שניידן די קרבן עולה ביי די באשטומטע סדר ווי אזוי די תורה האט געהייסן שניידן, אבער די 'נתחים' מעג מען נישט שפעטער גיין צושניידן נאר עס דארף בלייבן בשלימות. און לכאורה איז שווער: **וניחוש שמא ניקב קרום של מוח** - אויב די דין איז אז מען מעג נישט צושניידן די קאפ פון א עולה, איז פארוואס איז מען נישט חושש אז אפשר איז דא אין די קאפ פון די קרבן עולה א לאך אין די מוח, וואס דעס מאכט די בהמה טריפה, און א קרבן טריפה איז דאך פסול, איז ווי אזוי איז מען מקריב יעדער קרבן עולה אויף די מזבח, אפשר איז עס א טריפה, און ווי מען האט יעצט ארויסגעלערנט מעג מען נישט צושניידן די קאפ פון די עולה צו מברר זיין צו עס איז טריפה צו נישט? **אלא לאו משום דאמרינן זיל בתר רובא** - נאר על כרחך זעהט מען פון דעם אז מען זאגט אז 'מען גייט נאך רוב', דהיינו מען זאגט אז וויבאלד רוב בהמות האבן נישט קיין 'נקב בקרום של מוח', איז אזוי אויך יעדער קרבן עולה זאגט מען אז די בהמה איז כשר, און עס איז געבויעט אויף די כלל פון 'הלך הרוב', איז פון דא האט מען א מקור וואס וואס די חכמים האבן געזאגט אז מען גייט נאך רוב.

### קושית התוספות

**תוספות** (ד"ה אבל היכא) דארט אין מסכת חולין קומט און פרעגט א קשיא אויף די גמרא, וזה לשונו: **מקשין אמאי לא יליף מכל קרבנות דדחו שבת ולא חיישינן שמא ימצא קרבן טרפה ונמצא שחלל שבת.**

פירוש (על פי המהר"ם שם): תוספות פרעגט, פארוואס דארף די גמרא ברענגען די מקור אז מען גייט נאך רוב פון א 'רישא של עולה', וואס פון דעם וואס מען קען עס נישט בודק צו די קאפ איז טריפה צו נישט זעהט מען אז מען גייט נאך רוב, לכאורה וואלט די גמרא געקענט ברענגען אסאך א פשוט'ער מקור, פון דעם וואס מען זעהט אז מען מעג שחט'ן קרבנות אין שבת, און מען איז נישט חושש אז אפשר גייט די בהמה זיין טריפה, און עס גייט אויסקומען אז מען האט מחלל שבת געווען און גע'שחט'ן א בהמה וואס איז אסור שבת, דהיינו, פון די עצם זאך אז מען מעג גיין לכתחילה שבת שחט'ן קרבנות אין די בית המקדש איז מוכח אז מען גייט נאך רוב, ווייל אויב מען גייט נישט נאך רוב וואלט מען געזאגט אז מען מעג נישט שחט'ן קיין בהמות אין בית המקדש שבת, וויבאלד 'אפשר' גייט די בהמה זיין טריפה און ווען די בהמה איז טריפה איז דאך די שחיטה נישט דוחה שבת. און די מעלה פון די מקור איז, אז מען דארף עס נישט איינזעצען דוקא ביי די 'רישא של עולה', נאר הוא הדין ביי אלע אנדערע קרבנות וואס מען קען יא בודק זיין צו עס איז טריפה אדער נישט, אפילו אזוי די עצם זאך אז מען קען שחט'ן א בהמה אין שבת איז מוכח אז מען גייט נאך רוב?

## תירוצו של תוספות

**תוספות** ענטפערט אויף די קשיא, בזה הלשון: **ונ"ל דאין יכול להוכיח משם, דאיכא למימר דמספק נמי אמר רחמנא דלדחי שבת מצות קרבן, כמו שבפיקוח נפש אמרינן בסוף פרק קמא דכתובות** (דף טו:) **דלא הלכו בו אחר הרוב.**

פירוש (על פי פשטות): תוספות זאגט אז מען טרעפט ביי 'פיקוח נפש' אז דארט זאגט מען נישט די כלל פון 'הלכו בו אחר הרוב', און ווי עס שטייט אין מסכת כתובות (טו, ב) אז אין א שטאט ווי עס וואוינען רוב גוים און א מיעוט פון אידן, און א הויז איז צוזאם געפאלן דארטן, זאגט מען אז מען מעג מחלל שבת זיין און גיין זיכען ציווישן די בראכווארג ווייל אפשר קען זיין עס איז דא דארט א אידיש קינד וואס איז אין א מצב פון פיקוח נפש, און אפילו רוב שטאט זענען גוים, איז אויב מען גייט נאך רוב זאגט מען אז די קינד וואס איז דארטן איז א גוי און נישט קיין איד, אפילו אזוי 'גייט מען נישט נאך רוב' ביי 'פיקוח נפש', און מען מעג מחלל שבת זיין. זאגט תוספות אז הוא הדין לגבי קרבנות אין די בית המקדש זאגט מען נישט די כלל פון 'הלך אחר הרוב', דהיינו, די טעם פארוואס מען מעג שחט'ן שבת קרבנות, איז נישט מכח די כלל פון 'הלך אחר הרוב', און רוב בהמות זענען נישט טריפה, נאר אפילו ווען די מציאות וואלט געווען אז רוב בהמות זענען יא טריפה אפילו אזוי וואלט מען געמעגט שחט'ן קרבנות אין שבת, ווייל 'מצות קרבן בשבת', האט די זעלבע דין ווי ביי 'פיקוח נפש'. עד כאן דברי התוספות

## ביאור דברי התוספות לפי הזרע אברהם

די אחרונים מוטשענען זיך זייער שטארק צו פארשטיין די תירוץ פון תוספות, ווייל לכאורה פארשטייט מען נישט די 'דמיון' פון 'קרבנות בשבת', מיט 'פיקוח נפש'. ביי 'פיקוח נפש' פארשטייט מען אז אפילו עס איז דא א קליינע פראצענט אז אפשר איז דא דארט א איד, איז פיקוח נפש דוחה אלע איסורים, אבער מהיכי תיתי אז מען זאל זאגן די זעלבע זאך לגבי קרבנות בשבת?

דער גאון **רבי אברהם העלין זצ"ל** (נפטר בשנת תפ"ו) אין זיין פירוש **זרע אברהם** אויף **מדרש רבה** (פרשת נח) שרייבט א הפלא'דיגע הסבר אין די תירוץ פון תוספות, און ער ברענגט עס בשם 'חידושי הרשב"א', וזה לשונו: **ובחידושי הרשב"א מפרש דברי תוספות לא כמו שהעולם מפרשים כפשוטא הרי ניתן שבת לדחות אף מספק כמו שספק פיקוח נפש דוחה שבת, אמנם זה אינו שאין ראיה מפיקוח נפש שהרי אין לך דבר העומד בפני פיקוח נפש, ומחמת חומרת של פיקוח נפש הוא, מה שאין כן בקרבן. אל הכי פירושו, שהקרבן בעצמו יש לו דין פיקוח נפש שנפש החוטאת תמות, ואמרה תורה הביא קרבן הוה הקרבן פיקוח נפש, וספק פיקוח נפש דוחה שבת, עכ"ל.**

פירוש: דעס וואס תוספות שטעלט צו 'קרבנות בשבת' צו 'פיקוח נפש', איז זייער א גוטע צוזאם שטעל, וויבאלד די קרבנות וואס מען ברענגט אין די בית המקדש קומט אויף צו מכפר זיין, און אויב אזוי קומט אויס אז די קרבנות ראטעוועט כלל ישראל פון א עונש, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק **הַנֶּפֶשׁ הַחֹטֵאת הִיא תָמוּת** (יחזקאל יח, ד), און אויב אזוי זענען די קרבנות אין א מצב פון פיקוח נפש, וועגן דעם זאגט תוספות האבן די קרבנות שבת די דין פון פיקוח נפש, און עס איז דוחה שבת, אפילו אויף א מצב וואס עס איז נישט דא קיין רוב, און וועגן דעם קען מען נישט ברענגען א ראיה אז מען זאגט די כלל פון 'הלך אחר רוב', פון דעם וואס מען זעהט אז די קרבנות זענען דוחה שבת!

## תירוץ על קושית התוספות - פרי מגדים

דער **פרי מגדים** אין זיין ספר **ראש יוסף** (חולין שם) ענטפערט אויף די קשיא פון תוספות, בדרך פלפול, און ער שרייבט עס בקיצור כדרכו בקודש, וזה לשונו: **ולכאורה נראה דהכא אליבא דרב אחא בר יעקב קיימינן כמו שכתב התוספות בד"ה מנא הא מלתא, ואיהו סבירא ליה לקמן דף ל"ג ע"א כל זמן שבהמה מפרכסת אסורה לבני נח. והתוספות בשבת דף ק"ו ע"א ד"ה חוץ כתבו דלר' יהודא דמקלקל בחבורה פטור, שוחט דחייב משום דהתיקון בא מיד להוציאו מידי אבר מן החי יע"ש. והיינו וודאי לבני נח, דאי לישראל מכל מקום אסור משום טריפה וליכא תיקון, ואם כן ממה נפשך הוא שוחט [בקרבנות], דאי נמצא טריפה לא תיקן כלום, דאין התיקון בא מיד דבעודה מפרכסת בן נח נהרג עליה.**

פירוש: דער פרי מגדים איז מקדים מיט אפאר הקדמות. **הקדמה א** - אויף די ווערטער פון די גמרא 'מנא הא מילתא דאמור רבנן זיל בתר רובא' קומט **תוספות** (ד"ה מנא הא מילתא) דארט און פרעגט: **ואם תאמר כיון דאמרינן זיל בתר חזקה כל שכן בתר רובא דרובא וחזקה רובא עדיף** - פירוש: אין מסכת חולין דארטן פאר די סוגיא פון 'הלך אחר הרוב', איז דא די סוגיא פון 'חזקה', און די גמרא פרעגט דארט (י, א) **'מנא הא מילתא דאמור רבנן אוקי מילתא אחזקיה'**, דהיינו, די גמרא זיכט א מקור פון ווי מען ווייסט אז מען גייט נאך חזקה, און די גמרא דארט ברענגט דארט א פסוק פון ווי מען לערנט ארויס אז מען גייט נאך חזקה.

בכמה מקומות אין ש"ס (קידושין פ, א; ועוד) ווערט געברענגט די כלל אז **'רובא וחזקה רובא עדיף'** דהיינו ווען מען האט א 'רוב' קעגן א 'חזקה' איז די 'רוב' גובר אויף די 'חזקה', ווי די גמרא זאגט דארט אין קידושין: **תינוק שנמצא בצד העיסה ובצק בידו, חכמים מטמאין מפני שדרכו של תינוק לְטַפֵּחַ** - דהיינו ווען איינער טרעפט א קינד נעבן א טייג, און די קינד האט א שטיקל טייג אין זיין האנט, דהיינו עס איז זיכער אז די קינד האט צוגערירט צו דעם טייג, זאגן די חכמים אז די טייג איז טמא. און די הסבר איז, ווייל אינז האבן דא צוויי זאכן, אינז האבן דא א 'חזקה' אז די טייג איז טהור (סתם א טייג איז בחזקת טהרה), און אינז האבן דא א 'רוב' וואס זאגט אז די קינד איז טמא, ווייל די דרך ביי רוב קינדער איז אז זיי רירן צו [לְטַפֵּחַ] צו שרצים און נבילות שבאשפות, און מען זאגט דא, אז די 'רוב' איז גובר אויף די 'חזקה', און מען איז מטמא די טייג. זעהט מען פון די גמרא, אז עס איז אסאך מער מסתבר צו זאגן די דין פון 'רוב', ווי צו זאגן די דין פון 'חזקה'. פרעגט תוספות, אויב אזוי, איינמאל מען האט שוין

להערות והארות או לקבל הגליון אפשר לפנות להמייל mgudim1044@gmail.com

א מקור אז מען גייט נאך חזקה, קען מען דאך ארויסלערנען מיט א קל וחומר, אז אודאי און אודאי אז מען גייט נאך רוב, ווייל מה-דאך מען זאגט די זאך וואס איז ווייניגער מסתבר - דהיינו חזקה, אודאי און אודאי זאל מען זאך די זאך וואס איז מער מסתבר, דהיינו 'הלך אחר הרוב', איז פארוואס זיכט די גמרא א מקור אויף די דין פון הלך אחר הרוב, לערן עס ארויס פון א קל וחומר פון חזקה?

ענטפערט תוספות: **וי"ל דלרב אחא בר יעקב בעי דלא קים ליה חזקה מקרא** - פירוש (על פי המהרש"א שם): אין די גמרא אין חולין דארט ווי די גמרא ברענגט א מקור פון א פסוק (עיי"ש ואכמ"ל) אז מען גייט נאך חזקה, קומט **'רב אחא בר יעקב'** און פרעגט אפ די לימוד, און לויט רב אחא בר יעקב איז די מקור אז מען גייט נאך חזקה אן 'הלכה למשה מסיני', און עס האט נישט קיין מקור פון א פסוק אין די תורה. און די כלל איז דאך אז **'אין דנים קל וחומר מהלכה למשה מסיני'** (נזיר נז, א), איז לויט רב אחא בר יעקב קומט אויס אז מען קען נישט ארויס לערנען די כלל פון 'הלך אחר הרוב' פון דעם וואס מען זעהט אז מען גייט נאך 'חזקה'.

איז לפי זה זאגט תוספות, אז די סוגית הגמרא דא אין חולין ביי רוב גייט נאר לפי 'רב אחא בר יעקב' וואס ער קען נישט ארויס לערנען די דין פון 'רוב' פון 'חזקה' (אבער אה"נ די אמוראים וואס לערנען ארויס 'חזקה' פון א פסוק, זיי קענען טאקע יא ארויס לערנען די כלל פון 'הלך אחר הרוב', פון דעם וואס מען האט א מקור אז מען גייט נאך 'חזקה'). על כל פנים זעהט מען פון דער תוספות, אז די גאנצע סוגית הגמרא דא גייט נאר אליבא 'דרב אחא בר יעקב'.

**הקדמה ב** - אין **מסכת חולין** (לג, א) שטייט: **אמר רב אחא בר יעקב... מזמנין ישראל על בני מעיים, ואין מזמנין עובדי כוכבים על בני מעיים** - פירוש: רב אחא בר יעקב זאגט אז די 'בני מעיים' פון א בהמה איז מותר נאר פאר א 'ישראל' צו עסן, מה שאין כן א 'גוי' מעג נישט עסן פון די 'מני מעיים'. און די גמרא איז ממשיך און שרייבט די טעם פון די הלכה: **מאי טעמא? ישראל דבשחיטה תליא מילתא, כיון דאיכא שחיטה מעלייתא אישתרי להו, עובדי כוכבים דבנחירה סגי להו ובמיתה תליא מילתא, הני כאבר מן החי דמו** - פירוש: די איסור פון 'אבר מן החי', איז א איסור וואס סיי א 'ישראל' און סיי א 'עובד כוכבים' האבן, וויבאלד עס איז איינער פון די 'שבע מצות של בני נח'. און די סדר פון שחיטת בהמה איז, אז גלייך ווען מען שחט א בהמה איז עס 'מפרכסת', דהיינו עס לעבט נאך אביסל, און נאר שפעטער שטארבט עס, און לפי זה קומט אויס אז א בהמה גלייך נאכן שחט'ן איז נאך בעצם 'אבר מן החי', און אויב איינער נעמט אראפ א שטיקל פלייש פון א בהמה בשעת עס איז 'מפרכסת' דארף עס זיין אסור מכח די איסור פון 'אבר מן החי', אפילו אזוי איז די דין ביי א 'ישראל' אז א בהמה גלייך נאך די שחיטה איז מותר באכילה אפילו עס איז נאך 'מפרכסת', און די טעם איז וויבאלד 'דבשחיטה תליא מילתא', דהיינו, ביי א ישראל האט די תורה געזאגט אז איך בין דיך מתיר צו עסן א בהמה גלייך נאכ'ן שחיטה, און וועגן דעם אפילו לעולם וואלט עס געדארפט זיין אסור מכח די איסור פון אבר מן החי, אפילו אזוי איז די בהמה מותר לאכילה.

אבער דער דין אז א בהמה גלייך נאכן שחיטה ווען עס איז מפרכסת איז מותר באכילה איז בעצם געזאגט געווארן נאר פאר א 'ישראל' וואס האט באקומען די מצוה פון 'שחיטה', מה שאין כן ביי א 'עובד כוכבים' וואס זיי האבן נישט די מצוה פון 'שחיטה' ביי זיי גייט זיין די דין, אז א בהמה אפילו נאך די שחיטה כל זמן עס איז מפרכסת איז עס אסור באכילה וויבאלד עס איז נאך אבר מן החי, און ביי א גוי זאגט מען אז 'במיתה תליא מילתא', און ווילאנג די בהמה לעבט נאך אביסל איז עס אסור באכילה.

לפי זה זאגט רב אחא בר יעקב, אז א 'בני מעיים' גייט אייביג זיין אסור פאר א בן נח אויב קומט עס פון א בהמה וואס מען האט גע'שחט'ען, און די טעם איז, וויבאלד ברגע וואס מען שחט א בהמה מאכט די פעילת השחיטה אז מען שנייט אפ די 'קנה' וואס דעס האלט סי גאנצע 'בני מעיים' פון די בהמה, און אויב אזוי קומט אויס אז די בני מעיים רייסט זיך אפ פון די בהמה בשעת ווען עס איז נאך 'מפרכסת', און אויב אזוי איז די בני מעיים א שטיקל פון א בהמה וואס הייסט נאך 'חי', און וועגן דעם מעג א עובד כוכבים נישט עסן די בני מעיים פון א גע'שחט'ענע בהמה. [מה שאין כן פאר א ישראל וואס 'בשחיטה תליא מילתא' איז עס יא מותר כדלעיל].

קומט דארט די גמרא און זאגט: **אמר רב פפא: הוה יתיבנא קמיה דרב אחא בר יעקב, ובעי דאימא ליה: מי איכא מידי דלישראל שרי ולעובד כוכבים אסור? ולא אמרי ליה, דאמינא הא טעמא קאמר**.

פירוש: רב פפא פארציילט אז ער איז געזיצן פאר רב אחא בר יעקב ווען רב אחא בר יעקב האט געזאגט די חידוש, און איך האב אים געוואלט זאגן אז בעצם דארף די בני מעיים יא זיין מותר פאר א 'עובד כוכבים', און די טעם איז וויבאלד עס איז דא א באוויסטע כלל **'מי איכא מידי דלישראל שרי ולעובד כוכבים אסור?!'** - פירוש: די כלל איז אז עס קען נישט זיין אז עס זאל זיין א איסור וואס פאר א 'ישראל' זאל עס זיין מותר, און פאר א 'עובד כוכבים' וואס האט נישט מקבל געווען די תורה זאל עס זיין 'אסור', און ווי **רש"י** איז עס מסביר אין **מסכת סנהדרין** (נט, א ד"ה לזה ולזה): **"ליכא מידי דלישראל שרי ולנכרי אסור, שכשיצאו מכלל בני נח - להתקדש יצאו, ולא להקל עליהם"**, און לפי זה, אפילו עס קען אמאל אויסקומען אז פאר א ישראל זאל אזאך זיין מותר, אזוי ווי א בהמה בשעת ער איז 'מפרכסת' וואס נאר לגבי א עובד כוכבים דארף עס זיין אסור, אפילו אזוי קומט די כלל פון 'מי איכא מידי', און זאגט אז אויב פאר א ישראל איז עס מותר, איז כל שכן פאר א עובד כוכבים איז עס מותר. און אויב אזוי זאגט רב פפא, אז ער האט געוואלט זאגן פאר רב אחא בר יעקב אז די בני מעיים דארף יא זיין מותר פאר א עובד כוכבים מכח די כלל פון 'מי איכא מידי'. אבער אפילו אזוי זאגט רב פפא האב איך גארנישט געזאגט פאר רב אחא בר יעקב, וויבאלד איך האב פארשטאנען אז רב אחא בר יעקב האלט נישט פון די כלל פון 'מי איכא מידי דלישראל שרי ולעובד כוכבים אסור?', און ער האלט אז עס קען יא זיין אזא זאך אז פאר א ישראל זאל אזאך זיין מותר, און פאר א עובד כוכבים זאל עס זיין אסור.

**הקדמה ג** - שיטת רבי יהודה ביי הלכות שבת איז אז **'כל המקלקלין פטורין'**, דהיינו ווען איינער טוט איינער פון די ל"ט מלאכות שבת בדרך קלקול איז ער פטור אויף די מלאכה, קומט **תוספות** אין **מסכת שבת** (קו, א ד"ה חוץ מחובל) און זאגט (ופליג על רש"י שם, עיי"ש ואכמ"ל בזה), אז שיטת רב יהודה איז אז אפילו אויב איינער מאכט א 'חבלה' פאר א מענטש כדי ער זאל באקומען די בלוט פון די חבלה, און אזוי וועט ער קענען געבן די בלוט פאר זיין הינט, און אזוי אויך אויב איינער איינער איז עובר אויף די מלאכה פון 'מבעיר', דהיינו ער פארברענט זיין 'גדיש' כדי ער זאל באקומען די 'אפר' פון די פייער איז ער אויך פטור, דהיינו, אויף אזא פאל געשעהט דא צוויי זאכן, קודם איז ער א 'מקלקל', דהיינו ער שלאגט און ער מאכט א חבורה פאר א מענטש וואס איז 'קלקול', און אזוי אויך פארברענט ער זיין גדיש און ער איז עס 'מקלקל', אבער נאכדעם קומט ארויס א 'תיקון', דהיינו ער האט יעצט בלוט פאר זיין הינט, און אזוי אויך האט ער 'אפר', וואס ער קען זיך באניצן מיט דעם, איז אפילו אויף אזא פאהל איז מען לפי רבי יהודה פטור.

קומט תוספות און פרעגט אז אויב מען זאגט אז לפי רבי יהודה וואס האלט אז בשעת א מענטש איז מקלקל אפילו שפעטער קומט ארויס א תיקון איז מען אויך פטור, איז פארוואס איז די הלכה אז **'השוחט בשבת חייב'**, דהיינו ווען איינער שחט א בהמה אין שבת איז מען חייב? לכאורה בשעת ווען מען שחט די קרבן איז מען עס מקלקל, אזוי ווי די **גמרא** זאגט אין **מסכת חולין** (ח, א) אז א **סכין של עבודת כוכבים מותר לשחוט בה - מקלקל הוא** - דהיינו, מען מעג שחט'ן א בהמה מיט א סכין של עבודה זרה, אפילו די סכין איז אסור בהנאה (כדין משמשי עבודה זרה), וויבאלד די פעילת השחיטה איז א קלקול, ווייל א לעבעדיגע בהמה איז אסאך מער ווערט ווי א טויטע בהמה, און וויבאלד די פעילת השחיטה איז א קלקול ווערט נישט גערעכנט ווי ער האט הנאה געהאט פון די פעילת השחיטה. און אזוי אויך לגבי שבת, ווען מען שחט איז מען דאך 'מקלקל', און מען וואלט געדארפט זיין פטור. און אפילו עס קומט שפעטער ארויס א 'תיקון' וויבאלד די בהמה ווערט מותר באכילה, אפילו אזוי לפי רבי יהודה, אויב די פעילת המלאכה איז בדרך 'קלקול' איז אפילו עס קומט ארויס שפעטער א תיקון איז מען נאך אלץ פטור?

קומט תוספות און ברענגט א תירוץ פון דער רבינו תם, וזה לשונו: **ורבינו תם מפרש דהא דחשיב לר' יהודה מקלקל בצריך לכלבו ואפרו לפי שאין התיקון בא באותה שעה אלא לאחר מכאן דלאחר שנעשית חבורה בא הדם ולאחר שכלתה ההבערה בא האפר, אבל בשוחט בשעת הקלקול בא לו התיקון שמוציאה מידי אבר מן החי** - פירוש: דער רבינו תם איז מחלק ציווישן די 'קלקול ותיקון' ביי א מחבל וצריך דם לכלבו, און הבערת הגדיש שצריך לאפרו, מיט די 'קלקול ותיקון' ביי שחיטת בהמה. ביי צריך דם לכלבו און ביי די גדיש, געשעהט קודם די קלקול, און נאר שפעטער געשעהט די תיקון, דהיינו בשעת ער איז מאכט די פעילת הבערה אויף זיין גדיש איז ער דעמאלטס 'מקלקל', און נאר שפעטער ווען עס גייט אריבער אפאר מינוט און די גדיש איז געווארן 'אפר', נאר דעמאלטס געשעהט די 'תיקון', נאר אויף אזא אופן זאגט רבי יהודה אז מען איז פטור, מה שאין כן ביי 'שחיטת בהמה', געשעהט די 'קלקול און די תיקון' באותו רגע, דהיינו ברגע וואס ער איז מקלקל די בהמה מיט די שחיטה [ווייל ער האט עס געמאכט וויינציגער ווערט], האט ער עס אויך 'מתקן' געווען, ווייל עס איז געווארן יעצט אויס 'אבר מן החי', און מען קען עס עסן, איז אויף אזא אופן האלט אפילו רבי יהודה אז אויף אזא קלקול וואס געשעהט צוזאמען מיט די תיקון איז מען יא חייב. עד כאן דברי התוספות.

מיט די אלע דריי הקדמות קומט דער פרי מגדים און ענפערט קושית התוספות, פארוואס מען לערנט נישט ארויס די כלל אז מען גייט נאך רוב, פון דעם וואס מען זעהט אז מען מעג שחט'ן קרבנות אין בית המקדש שבת, אפילו עס קען זיין אפשר אז די קרבן איז טריפה, און אפשר איז מען עובר אויף 'השוחט בשבת'.

ווי מען זעהט אין תוספות אין חולין איז די גאנצע קשיא פון די גמרא 'מנא הא מילתא דאמור רבנן זיל בתר רובא' נאר לויט רב אחא בר יעקב [וואס ער האלט אז די מקור אז מען גייט נאך חזקה איז אן הלכה למשה מסיני], און ווי מען זעהט אין חולין בדף לג האלט רב אחא בר יעקב אז מען זאגט נישט די כלל פון 'מי איכא מידי', און ביי א עובד כוכבים איז די דין, אז ווען מען שחט א בהמה איז בשעת עס איז נאך מפרכסת איז עס נאך אסור צו עסן, ווייל עס לעבט נאך, און אויב אזוי קומט אויס ווען מען שחט א קרבן אין די בית המקדש שבת איז אזוי: אויב איז די בהמה כשר איז דאך זיכער גוט, און אפילו אויב די בהמה איז טריפה איז אויך נישט דא קיין פראבלעם, ווי מען זעהט אין תוספות אין מסכת שבת בשם רבינו תם, אז דוקא א שחיטה כשרה איז אסור ווייל די קלקול און די תיקון קומען באותו רגע, מה שאין כן אויב איז די בהמה טריפה איז פאר א ישראל איז סייווי נישט מותר די בהמה לאכילה, און אויב אזוי האט מען סייווי גארנישט 'מתקן' געווען, ווייל א ישראל קען עס ממילא נישט עסן, און די גאנצע זאך וואס מען קען דא זאגן איז, אז אפשר איז עס געווארן 'מתוקן' פאר א עובד כוכבים וואס האט נישט די איסור פון טריפה, און פאר אים האט געהאלפן די תיקון פון אבר מן החי, אבער אויב מען זאגט אזוי, איז דאך אויך נישט דא קיין פראבלעם, וויבאלד ביי א עובד כוכבים - לפי שיטת רב אחא בר יעקב - ווערט דאך די בהמה נישט אויס 'אבר מן החי' גלייך ביי די שחיטה, נאר עס ווערט נאר נאך וואס די בהמה שטארבט, און אויב אזוי קומט אויס אז די 'קלקול' און די 'תיקון' איז נישט געשעהט גלייך, ווייל די קודם האט די שחיטה 'מקלקל' געווען, און נאר נאך א פאר מינוט וואס די בהמה איז געשטארבן איז געשעהן די 'תיקון', און אויף אזא אופן האלט דאך רבי יהודה [לפי שיטת התוספות] אז מען זאגט 'כל המקלקלין פטורין', און אויב אזוי קומט אויס אז אפילו אן די כלל פון 'הלך אחר הרוב' איז נישט דא קיין פראבלעם פון שחט'ן א בהמה אין די בית המקדש בעצם יום השבת. כפתור ופרח!

להערות והארות או לקבל הגליון אפשר לפנות להמייל mgudim1044@gmail.com